**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/10/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 115 מיליאן דאלער צו העלפן ארטיגע רעגירונגען פינאנצירן קריטיש-וויכטיגע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן לענגאויס ניו יארק סטעיט**

***פראיעקטן געפונען זיך אין קאפיטאל דיסטריקט, צענטראל ניו יארק, פינגער לעיקס, לאנג איילענד, מיטל-הודסאן, מאוהאק וואלי, נארט קאנטרי, סאוטערן טיער, און מערב ניו יארק ראיאנען***

***איבער 33 מיליאן דאלער אלאקירט צו טרונק-וואסער פראיעקטן וועלכע אדרעסירן פארפעסטיגונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט געמאלדן מער ווי 115 מיליאן דאלער פאר קריטיש-וויכטיגע ריינע און טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט וואס באשיצן אדער פארבעסערן וואסער קוואליטעט. די גרענטס, אינטערעסט-פרי און ביליגע לאונס באוויליגט דורך דער EFC באָורד אָוו דירעקטאָרס אום דעצעמבער 9, 2021, וועלן העלפן 34 מוניציפאליטעטן און פובליק אויטאריטעטן אונטערנעמען זייערע טרונק-וואסער און אפפאל-וואסער פראיעקטן. פון די געמאלדענע פינאנצירונג זענען איבער 33 מיליאן דאלער אלאקירט צו 13 טרונק-וואסער פראיעקטן אין נעסאו און סופאלק קאונטיס צו אדרעסירן אויפקומענדע פארפעסטיגונגען.

״יעדע ניו יארקער קומט זיך צוטריט צו ריינע וואסער,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די פינאנצירונג וועט פארבעסערן ריינע און טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור לענגאויס דעם סטעיט, אדרעסירן אויפקומענדע פארפעסטיגונגען און אומריינע עלעמענטן. מיר וועלן פארזעצן ווייטער צו ארבעטן מיט ארטיגע רעגירונגען און צוזאמענארבעטער צו באשיצן ניו יארקער וואסער קוואליטעט אויף פילע יארן אין דער צוקונפט.״

די באָורד׳ס באוויליגונגען רעכענען אריין IMG און WIIA גרענטס און פינאנצירונגען דורך דער ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואָלווינג פאָנד׳ (CWSRF) און ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואָלווינג פאָנד׳ (DWSRF). די פראיעקטן באוויליגט פאר פינאנצירונג רעכענען אריין:

**טרונק-וואסער פראיעקטן:**

- ווילעדזש אָוו אלדען אין ערי קאונטי - 108,000 WIIA גרענט צו בויען צוויי געפלאכטענע פארבינדונגען צווישן דעם ווילעדזש און די ערי קאונטי וואסער אויטאריטעט צו באזארגן בעק-אָפּ וואסער קוואל קאפאציטעט.
- טאון אָוו בלעק ברוק אין קלינטאן קאונטי - 1,079,280 WIIA גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון א נייע וואסער סטארעדזש טאנק און צוויי נייע פראדוקציע קוועלער פאר וואסער דיסטריקט נומער 1.
- טשאטאקווא קאונטי - 3,000,000 WIIA גרענט און 1,993,061 אין קורץ-טערמיניגע, מארקעט ראטע פינאנצירונג צו בויען א נייע פאמפ סטאנציע און אן אומגעפער 500,000 גאלאנענדיגע

וואסער סטארעדזש טאנק; צו אינסטאלירן אומגעפער 18,000 גראדע פיס פון וואסער מעין און פארבינדענע אויסריכטונגען; און אינטערבאהעפטן צו דער ווילעדזש אָוו פרעדאניע׳ס וואסער סיסטעם.

- דיקס הילס וואסער דיסטריקט אין סופאלק קאונטי - 3,042,000 דאלערדיגע WIIA גרענט צו אויספלאנירן און בויען א נייע באהאנדלונגס פראצעס ביי דעם עקזיסטירנדן וואסער באהאנדלונג איינריכטונג, אוועקצופירן 1,4-דייאקעין פון קוואל נומער 1-5.
- ערי קאונטי וואסער אויטאריטעט - 2,519,272 דאלערדיגע WIIA גרענט צו אינסטאלירן אומגעפער 5,000 גראדע פיס פון וואסער טראנסמיסיע מעין פון די רויע וואסער פאמפ סטאנציע ביז דער וואן דע וואסער באהאנדלונגס פאבריק.
- טאון אוו עווענס אין ערי קאונטי - 2,898,000 דאלערדיגע WIIA גרענט צו בויען א נייע וואסער סטארעדזש טאנק, בוסטער פאמפ סטעישען, בעק-אַפּ דזשענערעיטער, און פארבינדענע אויסריכטונגען.
- ווילעדזש אָוו פישקיל אין דוטשעס קאונטי - 1,320,000 דאלערדיגע WIIA גרענט און 880,000 קורץ-טערמיניגע פינאנצירונג פאר קוואל פארבעסערונגען און ערזעצונגען, כעמישע פיטער סיסטעם פארבעסערונגען און רעהאביליטירונג פון אן 1-מיליאן-גאלאניגע וואסער סטארעדזש טאנק.
- ווילעדזש אָוו גילבערטוויל אין אטסעגא קאונטי - 2,437,055 לאנג-טערמיניגע, אינטערעסט-פרי פינאנצירונג צו ערזעצן אומגעפער 25,000 גלייכע פיס פון פארעלטערטע וואסער אויסטיילונג מעין, אינסטאלירן נייע סערוויס מיטערס, ערזעצן אן עקזיסטירנדע וואסער סטארעדזש טאנק מיט א נייע 200,000-גאלאניגע טאנק, אנטוויקלען צוויי נייע קוועלער, און בויען א נייע באהאנדלונגס געביידע וואס פיגורירט אייזן און מאנגאניז אוועקפירן.
- טאון אָוו העמפסטעד אין נעסאוי קאונטי - 3,413,400 דאלערדיגע WIIA גרענט צו אויספלאנירן און בויען א נייע פארגעשריטענע אקסידעישען פראצעס (AOP) ביי דעם עקזיסטירנדן פראספעקט עווניו סטאנציע וואסער באהאנדלונג איינריכטונג אוועקצופירן 1,4-דיאקסעין פון צוויי קוועלער.
- ווילעדזש אָוו הארסהעדס אין טשעמונג קאונטי - 3,000,000 דאלערדיגע WIIA גרענט און 2,000,000 קורץ-טערמיניגע מארקעט ראטע פינאנצירונג צו ערזעצן אומגעפער 12,000 גלייכע פיס פון אלטע און נישט-גענוג גרויסע וואסער מעין.
- טאון אָוו מאנראו אין אראנדזש קאונטי - 897,750 דאלערדיגע WIIA גרענט פאר פארבעסערונגען צו די מאנראו הילס עסטעיטס וואסער דיסטריקט נומער 12.
- שטאט פון נארט טאנאוואנדא אין ניאגארא קאונטי - 1,163,093 דאלערדיגע WIIA גרענט און 7,276,907 דאלער אין קורץ-טערמיניגע מארקעט ראטע פינאנצירונג צו פארבעסערן און פארריכטן די עקזיסטירנדע וואסער באהאנדלונגס פאבריק ארייננגערעכנט די רויע וואסער ארייננעמונג, נידעריגע סערוויס סוקשען קוואל, סעדימענטעישען באסיין, און דער פילטער געביידע.
- ווילעדזש אוו אסינינג אין וועסטשעסטער קאונטי - 3,000,000 דאלערדיגע WIIA גרענט אויסצופלאנירן און בויען א ניי וואסער באהאנדלונג פאבריק צו ערזעצן די עקזיסטירנדע אינדיען ברוק וואסער באהאנדלונג פאבריק.
- אָיסטער בעי וואסער דיסטריקט אין נעסאוי קאונטי - 3,257,400 דאלערדיגע WIIA גרענט צו אויספלאנירן און בויען א נייע באהאנדלונגס פראצעס ביי דעם עקזיסטירנדן וואסער באהאנדלונג איינריכטונג, אוועקצופירן 1,4-דייאקעין פון קוואל נומער 2.
- פארט וואשינגטאן וואסער דיסטריקט אין נעסאוי קאונטי - 11,362,800 דאלערדיגע WIIA גרענט צו אויספלאנירן און בויען א נייע באהאנדלונגס פראצעס ביי דעם עקזיסטירנדן וואסער באהאנדלונג איינריכטונג, אוועקצופירן 1,4-דייאקסעין און פערפלואראקטאנאאיק (PFOA) פון די מארלי פארק סטאנציע אין דריי קוועלער.

- שטאט פאוקיפסי אין דוטשעס קאונטי - 8,518,600 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג און 1,500,000 דאלער אין איבעריגע WIIA געלטער צו בויען צוויי 2.5 מיליאן גאלאניגע וואסער סטארעדזש טאנקען צו ערזעצן א 5 מיליאן גאלאנען רעזערוואר און ערזעצן אלטע וואסער מעינס ביי פארשידענע ערטער לענגאויס דעם וואסער אויסטיילונג סיסטעם.
- שטאט ראטשעסטער אין מאנראו קאונטי - 780,000 דאלערדיגע WIIA גרענט צו ערזעצן אומגעפער 3,500 פיס פון עקזיסטירנדע וואסער מעין און פארבינדענע אויסריכטונגען אין געקליבענע פריאריטעט ערטער פון די וואסער סיסטעם.
- ווילעדזש אָוו סעקעטס האַרבאָר אין דזשעפערסאן קאונטי - 1,639,800 דאלערדיגע WIIA גרענט און 1,769,200 קורץ-טערמיניגע, מארקעט ראטע פינאנצירונג פאר סיסטעם פארבעסערונגען אריינגערעכנט ערזעצן די עקזיסטירנדע רויע וואסער אריינגעמען, נאסע קוואל, און פאמפס וואס באזארגן דעם ווילעדזש׳ס פילטרעישען פאבריק.
- טאון אָוו סענעט אין קאיוגע קאונטי - 1,781,400 דאלערדיגע WIIA גרענט צו ערזעצן די עקזיסטירנדע וואסער סטארעדזש טאנק מיט א נייע 300,000 גאלאן טאנק, צו אינסטאלירן אומגעפער 21,000 גלייכע פיס פון וואסער מעין וואס וועט ערזעצן פארעלטערטע / אונטער-גרויסקייט מעין, און אויסציען פובליק וואסער צו סערווירן נאך וואוינונגען.
- סופאלק קאונטי וואסער אויטאריטעט - WIIA גרענט אויסטיילונגען ווי אויסגערעכנט אונטן פאר ניין פראיעקטן וואס וועלן אויספלאנירן און בויען א נייע באהאנדלונגס פראצעס אוועקצופירן 1,4-דייאקסעין פון פארשידענע עקזיסטירנדע קוואל פעלדער:

  - 1,800,000 דאלערדיגע WIIA גרענט: קוועלער נומערן 1 און 2 ביי דער מידעלוויל ראוד קוואל פעלד
  - 1,800,000 דאלערדיגע WIIA גרענט: קוועלער נומערן 1 און A/2B2 ביי דעם פעלקאן דרייוו קוואל פעלד
  - 900,000 דאלערדיגע WIIA גרענט: קוואל נומער 1 ביי דעם אָלד דאק ראוד קוואל פעלד
  - 900,000 דאלערדיגע WIIA גרענט: קוואל נומער 2 ביי דעם וואטערסייד ראוד קוואל פעלד
  - 1,800,000 דאלערדיגע WIIA גרענט: קוועלער נומערן A1 און 2 בי דעם בראדוועי קוואל פעלד
  - 900,000 דאלערדיגע WIIA גרענט: קוואל נומער 1 ביי דעם דאגלעס עוועניו קוואל פעלד
  - 2,700,000 דאלערדיגע WIIA גרענט: קוועלער נומערן 1,2 און 3 ביי דעם פלאווער היל ראוד קוואל פעלד
  - 900,000 דאלערדיגע WIIA גרענט: קוואל נומער 1 ביי דעם האליוואד פלאץ קוואל פעלד
  - 900,000 דאלערדיגע WIIA גרענט: קוואל נומער 1 ביי דעם מעקעי ראוד קוואל פעלד

- טאון אָוו סוליוועַן אין מעדיסאן קאונטי - 480,000 דאלערדיגע WIIA גרענט צו שאפן דעם האמילטאן בראון / בושנעל שאָר וואסער דיסטריקט, אריינגערעכנט די אינסטאלאציע פון אומגעפער 8,100 גלייכע פיס פון נייע וואסער מעינס, היידרענטס און אויסריכטונגען און באהעפטונג פון די אנאנדאגא קאונטי וואסער אויטאריטעט.

**ריינע וואסער פראיעקטן:**

- ווילעדזש אָוו בראנקסוויל אין וועסטשעסטער קאונטי - WIIA גרענטס פון 283,625 און 223,500 פאר פלאנירן און בויען סעניטערי סוער סיסטעם פארבעסערונגען.

- טאון אוו קעראלטאן אין קאטאראוגוס קאונטי - 1,256,635 דאלער אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק און פארזאמלונג סיסטעם פאמפ סטאנציע פארבעסערונגען.
- טאון אָוו קלארקסטאון אין ראקלענד קאונטי - 733,974 דאלערדיגע WIIA גרענט פאר פאמפ סטאנציע אפגרעידס.
- ווילעדזש אָוו דזשענעסעא אין אראנדזש קאונטי - 345,085 דאלער אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר אפפאל-וואסער באהאנדלונגס פאבריק פארבעסערונגען.
- טאון אוו גרינוויל אין גרין קאונטי - 520,000 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג און 610,821 דאלער אין WIIA געלטער פאר סוער דיסטריקט פארלענגערונג און פאבריק פארבעסערונגען.
- ווילעדזש אָוו מאראויע אין קאיוגע קאונטי - 7,000,000 דאלער אין קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר אפפאל-וואסער באהאנדלונגס פאבריק פארבעסערונגען.
- אנאנדאגא קאונטי - 2,250,000 דאלערדיגע WIIA גרענט, 1,875,000 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג און 1,875,000 קורץ-טערמיניגע מארקעט ראטע פינאנצירונג פאר סוער רעהאביליטירונג צו רעדוצירן אריינפלוס און אינפילטרעישען אין דעם פארזאמלונג סיסטעם.
- טאון אוו אראנדזשטאון אין ראקלענד קאונטי - 96,000 דאלערדיגע WIIA גרענט פאר סיסטעם אפגרעידס ביי דעם טאון׳ס מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק און פארבינדענע פאמפ סטאנציעס.
- שטאט אסוועגא אין אסוועגא קאונטי - 1,761,994 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר פארבעסערונגען צו דעם וועסט-סייד (עריע 2) סעניטערי סוער סיסטעם, און 2,880,437 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר די וועסט-סייד סוער אפזונדערונג פראיעקט.
- טאון אוו טאמפסאן אין סוליוואן קאונטי - 4,000,000 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר פאמפ סטאנציע פארבעסערונגען אינערהאלב די טאון׳ס סוער דיסטריקט.
- שטאט יוטיקע אין אניידע קאונטי - 3,254,374 לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג און 476,533 אין איבעריגע אינטעגרירטע לייזונגען קאנסטרוקציע גרענט געלטער פאר די פלאנירונג און קאנסטרוקציע פון גרינע אינפראסטרוקטור פראקטיצירונגען און אפזונדערונג פון קאמבינירטע סוער אויף באזונדערע שטורעם און סעניטערי סוערס.
- טאון אָוו וואפינגער אין דוטשעס קאונטי - 2,484,620 דאלערדיגע IMG צו בויען די ווילדוואד סוער קאָנעקשען צו דער טריי-מוניציפאלע מיסט-וואסער באהאנדלונג אייננריכטונג.

**EFC פרעזידענט און CEO מאורין עי. קאלמען האט געזאגט,** ״דער אנאנסמענט צייכנט אפ נאך א באדייטנדע אינוועסטירונג אין וואסער קוואליטעט אינפראסטרוקטור לענגאויס ניו יארק סטעיט. עס שטעלט דעם טאן פאר די ארבעט וואס EFC וועט טון צו אויסניצן אין פולסטן די סטעיט וואסער גרענטס צו ווערן אויסגעטיילט אין די קומענדע מאנאטן, א דאנק די גרייטקייט פון 600 מיליאן דאלער אין וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג, אינטער-מוניציפאל, און וואסער קוואליטעט אינפראסטרוקטור פארבעסערונג גרענטס אנאנסירט דורך גאווערנער האקול אין לויף פון קלימאט וואך. אין צוגאב צו אדרעסירן א היסטארישע סומע סטעיט וואס גרענט פינאנצירונג אפליקאציעס וואס EFC האט באקומען בעפאר דעם נאוועמבער 22׳סטן דעדליין, טוט EFC אקטיוו זיך גרייט מאכן פאר די גרויסע איינשפריץ פון פעדעראלע געלטער פון דער בייפארטיזען אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס אקט. EFC קוקט ארויס צו ארבעטן אינאיינעם מיט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג, די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט, און ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן צו זען עס זאלן גיין די שאוועלס אין דער ערד פאר פראיעקטן וואס מאכן אונזער אינפראסטרוקטור מער באפעסטיגט צו קלימאט ענדערונג און פארבעסערן וואסער קוואליטעט פאר אלע ניו יארקערס.״

**DEC קאמישענער און EFC פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט**, ״גאווערנער האקול פארשטייט די פינאנציעלע פאדערונגען וואס ניו יארק׳ס שטעט, טאונס און ווילעדזשעס שטייען אויס ווען זיי פירן פאראויס באמיאונגען צו פארשטערקערן און מאדערניזירן ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. מיט פאדערונגען וואס רעכענען אריין א שטייגונג אין שווערע שטורעמעס און עקסטרעמע וועטער פאסירונגען, שעדליכע אלגעל בלומס, און אויפקומענדע אומריינע עלעמענטן, טוט ניו יארק פריאריטיזירן אינוועסטירונג אויף דורות אין טרונק-וואסער און מיסט-וואסער פראיעקטן, אינאיינעם מיט די גוטע דזשאבס וואס די פראיעקטן שאפן. די פינאנצירונג, אינאיינעם מיט אן איינשפריץ פון פעדעראלע פינאנצירונג פון די לעצטנס דורכגעפירטע פעדעראלע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס אקט, וועלן ליפערן הונדערטער מיליאנען דאלארען אין גרענטס און נידעריגע-אינטערעסט אדער אן-אינטערעסט לאָונס צו פארזיכערן אז ארטיגע אינסטאנצן האבן די שטיצע-מיטלען וואס זיי דארפן אויף צו קענען פארענדיגן קריטיש-וויכטיגע פראיעקטן וואס באשיצן פובליק געזונטהייט און דעם ענווייראָנמענט.״

**עקטינג ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמישענער דר. מערי טי. בעסעט האט געזאגט**, ״ניו יארק׳ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו פינאנצירן טרונק-וואסער אפגרעידס און אנדערע ריינע וואסער איניציאטיוון לאזט איבער א לאנג-אנהאלטנדע רושם אויף די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס. אלס דער רעגולאטאר פאר ניו יארק׳ס ריזיגע נעץ פון פובליק טרונק-וואסער סיסטעמען — פילע פון וועלכע זענען פארעלטערט — קוקט ארויס דער העלט דעפארטמענט צו ארבעטן אינאיינעם מיט גאווערנער האקול פארצוזעצן דאס פריאריטיזירן פון פינאנצירונג פאר די העכסט-נויטיגע אינפראסטרוקטור פראיעקטן איבער׳ן גאנצן סטעיט.״

**סטעיט סענאטאר גוסטאווא ריווערא האט געזאגט**, ״איך אפלאדיר די באמיאונגען פון די האקול אדמיניסטראציע אין אלאקירן קריטיש-וויכטיגע פינאנצירונג פאר פראיעקטן וועלכע וועלן פארבעסערן די וואסער קוואליטעט וואס ניו יארקער טרונקען. דער וויכטיגער טריט וועט העלפן באשיצן אונזערע טרונק-וואסער סופליי און אפהיטן די געזונטהייט פון ניו יארקער לענגאויס דעם סטעיט פון זיין אויסגעשטעלט צו געפארפולע און שעדליכע אומריינע עלעמענטן.״

דער CWSRF און דער DWSRF זענען EFC׳ס קערנדל פאנדינג פראגראמען. אינאיינעם מיט איר מיטארבעטער DEC, איז EFC פאראנטווארטליך פאר די אפעראציע און אדמיניסטראציע פון דעם CWSRF. דער CWSRF ערלויבט פאר EFC צוצושטעלן אינטערעסט-פרי אדער מינימאלע-אינטערעסט ראטע פינאנצירונג און גרענטס צו שטיצן פארשידענע בארעכטיגטע מיסט-וואסער פראיעקטן. ענליך צו דעם טוט EFC אפפירן און אדמיניסטרירן דעם DWSRF, אינאיינעם מיט איר מיטארבעטער DOH, צו גיבן אינטערעסט-פרי אדער מינימאלע-אינטערעסט ראטע פינאנצירונג און גרענטס פאר טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418